אויף תיכף ארויסצוגעבן: 4/4/2024 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער האקול אנאנסירט ערשטע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן אפשאצונג פאר ערשטע הילף מאנשאפטן

***אפשאצונג קומט אלס רעזולטאט פון שותפות צווישן סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס און SUNY ניו פּאַלץ'ס אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט***

***DHSES און די ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט ספאנסארן 19'טע יערליכע אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט קאנפערענץ מאי 14-15***

***איניציאטיוו שטיצן גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו פארשטערקערן ניו יארק סטעיט'ס גייסטישע געזונטהייט קעיר סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון ניו יארק'ס ערשטע גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן אפשאצונג פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער צו בעסער פארשטיין די גייסטישע געזונטהייט-פארבינדענע שוועריגקייטן וואס די פובליק זיכערהייט קאמיוניטי שטייט אויס און צו פארשטערקערן פראגראמען און סערוויסעס פאר די פראפעסיאנאלן. ארויסקומענדיג פון א שותפות צווישן די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) און SUNY ניו פּאַלץ'ס אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט (Institute for Disaster Mental Health) און מיט Benjamin Center — וועט די אפשאצונג אריינרעכענען רעזולטאטן פון א פרייוויליגע אנאנימע סורוועי און אזוי אויך געדאנקען פון א סעריע פון גרופעס וואס קאנצענטרירן זיך אויף ערשטע הילף מאנשאפטן.

"אזוי ווי מיר זעצן פאר צו מאכן היסטארישע אינוועסטירונגען אין גייסטישע געזונטהייט קעיר, איז דאס קריטיש אז מיר זאלן ארבעטן מיט קאמיוניטיס פון ערשטע הילף מאנשאפטן, וועלכע ליידן מער פון אנדערע פון גייסטישע געזונטהייט-פארבינדענע שוועריגקייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער סטעיט איז נאר אזוי שטארק ווי די נעטווארק פון מענטשן וואס האלטן אונז זיכער, און די ארומנעמיגע באדערפענישן אפשאצונג וועט אונז העלפן זיי צושטעלן די קעיר און הילפס-מיטלען וואס קומען זיך זיי."

די באדערפענישן אפשאצונג וועט אויסהערן געזעץ אינפארסירונג, פייערלעשער, EMT'ס, 911 דיספעטשערס און עמערדזשענסי מענעדזשערס. בעאמטע פון די DHSES און SUNY ניו פּאַלץ וועלן פארשטעלן די רעזולטאטן פון די אפשאצונג ביי די 19'טע יערליכע קאנפערענץ פון די אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט ביי די Culinary Institute of America אין הייד פארק אום מאי 14 און מאי 15.

אין צוגאב צו די אינציאטיוון, גייט די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) אריין אין א שותפות מיט די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס און מיט די אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט צו אנטוויקלען א סטעיט-ברייטע אפרופונג צו קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט. קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן וועלן מעגליך גענוצט ווערן צו שטיצן קאטאסטראפע אפרופונג אפעראציעס און צו זיין א מיטפילנדע אנוועזנהייט, באלדיגע פסיכאלאגישע ערשטע הילף און צוגאבליכע שטיצע ווי נויטיג צו אדרעסירן די פריע און ערווארטעטע סטרעס רעאקציעס צו קאטאסטראפעס.

די OMH שפאנט איין פעדעראלע פינאנצירונג צו ווייטער אנטוויקלען און טרענירן די קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט מאנשאפט, מיט פלענער אונטערוועגס צו העלפן אנטוויקלען און שטיצן לאקאלע און ראיאנישע מאנשאפטן. ענליכערהייט ארבעט די DHSES אויך מיט די OMH און מיט די אינסטיטוט צו טרעפן נאך געלעגנהייטן צו אפהאלטן ערשטע הילף מאנשאפט גייסטישע געזונטהייט-פארבינדענע טרענירונגען, אריינרעכנענדיג קלאסן וואס ווערן דורכגעפירט פאר מאנשאפט מיטגלידער דורך אנדערע מיטגלידער וואס ווערן געאפפערט ביי די סטעיט גרייטקייט טרענירונג צענטער (State Preparedness Training Center).

שטיצנדע מאנשאפטן ווערן צוזאמגעשטעלט פון מענטשן וואס האבן אייגענע ערפארונגען מיט די אנגעלעגנהייטן צו צושטעלן עמאציאנאלע, געזעלשאפטליכע און פראקטישע שטיצע ווען נויטיג. אזעלכע שטיצנדע מאנשאפטן ווערן אפט גענוצט אינערהאלב פובליק זיכערהייט ארגאניזאציעס צו העלפן זייערע מיטגלידער זיך ספראווען מיט דזשאב-פארבינדענע סטרעס און נאכגעפאלגנדיג קריטישע אינצידענטן.

לעצטע וואך האט די טרענירונג צענטער אריינגענומען צוויי טרענירונג סעסיעס פאר אזעלכע שטיצנדע מאנשאפטן – אונטער די טיטלען '*Assisting Individuals in Crisis*' (ארויסהעלפן מענטשן אין קריזיס) און '*Group Crisis Intervention*' (גרופע קריזיס אינטערווענץ) – אין אריסקעני.ביידע סעסיעס זענען געווען פול און נאך טרענירונגען וועלן געאפפערט ווערן שפעטער דאס יאר.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "ערשטע הילף מאנשאפטן שטייען אויס טראומאטישע מצבים יעדן טאג. גיבן אונזערע ערשטע הילף מאנשאפטן אלע שטיצע וואס זיי דארפן מיינט נישט נאר בלויז גרענטס פאר נייע קארן/טרעקלעך אדער עקוויפמענט, נאר עס מיינט אויך צו זיין דארט מיט די גייסטישע געזונטהייט שטיצע מאסנאמען וואס זיי דארפן צו בלייבן זיכער אויף די דזשאב. די אפשאצונג וועט אונז ערלויבן צו הערן דירעקט פון ערשטע הילף מאנשאפטן אריבער די סטעיט איבער וואס זיי ווילן און דארפן ווען עס קומט צו זייער עמאציאנאלע וואוילזיין."

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאַליוואן, האט געזאגט,** "ערשטע הילף מאנשאפטן גייען אריבער באדייטנדע סטרעס און טראומע אין זייער ארבעט, און אויב עס ווערט נישט אדרעסירט מיט די פאסיגע שטיצע, קען דאס פירן צו מער ערנסטע אומשטענדן ווי טראומע-נאכפאלגנדע סטרעס קראנקהייט (post-traumatic stress disorder). די באדערפענישן אפשאצונג מיט וועלכע מיר קומען ארויס וועט אונז ערלויבן צו הערן דירעקט פון ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער איבער די סערוויסעס און די סארטן שטיצע וואס זיי דארפן כדי צו טוהן זייער וויכטיגע ארבעט אן ליידן פון קאנסעקווענצן צו זייער געזונטהייט דערנאך."

**SUNY ניו פּאַלץ אינסטיטוט פאר קאטאסטראפע-פארבינדענע גייסטישע געזונטהייט עקזעקיוטיוו דירעקטארין, עימי ניצע, האט געזאגט,** "טאג איין טאג אויס, גייען ניו יארק'ס ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער און עמערדזשענסי סערוויסעס איינגעשטעלטע אריבער אויסערגעווענטליכע שטאפלען פון סטרעס וואס, אויב זיי ווערן נישט אדרעסירט, קענען האבן א ווירקונג אויף זייער פראפעסיאנאלע ארבעט

און אויף זייער פערזענליכע וואוילזיין. דאס איז די סיבה פארוואס אונזער שטארקע שותפות מיט די DHSES איז אזוי וויכטיג, אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו זיכער מאכן אז ניו יארק'ס גייסטישע געזונטהייט אינפראסטרוקטור ווערט טרענירט און אויסגעשטאט צו נאכקומען די באדערפענישן פון אונזערע קאמיוניטיס און אויפבויען שטאנדהאפטיגקייט פאר די צוקונפט."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן